WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE | Department of Labor

www.labor.ny.gov

אפטיילונג פון גלייכע געלעגנהייט דעוועלאפמענט

# ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר

## קלאגע פראצעדור מעלדונג אונטער די אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס אקט

די קלאגע פראצעדור איז געגרינדעט צו נאכקומען די פאדערונגען פון די אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס אקט פון 1990 ("ADA"). עס קען ווערן גענוצט דורך סיי ווער וואס ווילן אריינגעבן א קלאגע וואס גייט אן דיסקרימינאציע אויף די באזיס פון דיסאביליטי אין די צושטעלונג פון סערוויסעס,אקטיוויטעטן,פראגראמען, אדער בענעפיטן דורך די NYS דעפארטמענט אוו לעיבער. ארבעטס-פארבינדענע קלאגעס פון דיסאביליטי דיסקרימינאציע זענען געדעקט ערגעץ אנדערש, אין פאליסיס אוועילעבל פון די NYSDOL אפטיילונג פון גלייכע געלעגנהייט דעוועלאפמענט.

די קלאגע זאל זיין שריפטליך און האבן אינפערמאציע איבער די אנגעגעבענע דיסקרימינאציע אזויווי נאמען, אדרעס, טעלעפאון נומער פון אנקלעגער און לאקאציע, דאטום, און שילדערונג פון די פראבלעם קיין ספעציפישע פארמאט פון די קלאגע ווערט פארלאנגט. אנדערע מיטלען פון אריינגעבן קלאגעס, אזויווי פערזענליכע אינטערוויוס אדער א טעיפ רעקארדירונג פון די קלאגע וועט זיין אוועילעבל פאר די מענטשן מיט דיסאביליטיס אויפן פארלאנג.

די קלאגע זאל ווערן אריינגעגעבן דורך די אנקלעגער און/אדער זייער פארטרעטער ווי שנעלער מעגליך אבער נישט שפעטער ווי 60 קאלענדער טעג נאך די אנגעגעבענע פארלעצונג צו:

Director<br>
NYS Department of Labor Division of Equal Opportunity Development<br>
State Campus, Building 12, Rm. 540<br>
Albany, NY 12226

אין די 15 קאלענדער טעג נאכן באקומען די קלאגע, וועט די ADA קאארדענירער אדער זייער פארטרעטער זיך טרעפן מיט די אנקלעגער צו דורכרעדן די קלאגע און די מעגליכע שליכטונגען. אין די 15 קאלענדער טעג נאכן זיצונג, וועט די ADA קאארדענירער אדער זייער פארטרעטער ענטפערן שריפטלעך, און וואו פאסיג, אין א פארמאט צוטריטליך צו די אנקלעגער, אזויווי גרויסע דרוק, ברעיל, אדער אודיא טעיפ. די ענטפער וועט ערקלערן די פאזיציע וואס די דעפארטמענט אוו לעיבאר און אפערן איסוואלן פאר באדייטנדע שליכטונגען פון די קלאגע.

אויב די ענטפער פון די ADA קאארדענירער אדער זייער פארטרעטער טוט נישט צופרידענשטעלנד לעזן די פראבלעם, קען די אנקלעגער און/אדער זייער פארטרעטער אפיעלן די באשלוס אין די 15 קאלענדער טעג נאכן באקומען די ענטפער צו די אגענטור הויפט אדער זייער פארטרעטער.

אין די 15 קאלענדער טעג נאכן באקומען די אפיעל, וועט די אגענטור הויפט אדער זייער פארטרעטער ענטפערן שריפטלעך, און וואו פאסיג, אין א פארמאט צוטריטליך צו די אנקלעגער, מיט די אגענטור'ס ענטגילטיגע שליכטונג פון די קלאגע, אדער אנווייזן אז די ענין איז געווארן צוריקגעשיקט צו די ADA קאארדענירער פאר ו וייטערדיגע שריט. אויב ווייטערדיגע שריט איז אנגעוויזן, וועט די אנקלעגער ווערן פארבינדן אין די 15 טעג פון די שריפטליכע ענטפער.

אלע שריפטליכע קלאגעס וואס די ADA קאארדענירער אדער זייער פארטרעטער באקומען, אפיעלן צו די אגענטור הויפט אדער זייער פארטרעטער, און ענטפערס פון די צוויי אפיסעס וועט זיין דורך די NYS דעפארטמענט אוו לעיבער פאר אמווייניגסטענס דריי יאר.